# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים



ראש השנה
תשפ"ב לפ"ק
גליון קפ"ה

**פראגע**

## פארוואס איז נישט יום כיפור בעפאר ראש השנה, אז מיר זאלן קענען אריינגיין צום יום הדין ריין פון זינד?

## ענטפער:

דא איז דא א מענטש וואס דארף האבן אן אפעראציע, אדער אפשר עטליכע אפעראציעס פאר עטליכע זאכן אין זיין קערפער. אבער עס האט פאסירט א פייער אין זיין הויז, און עס קומען צו לויפן אסאך מענטשן, טראקס מיט סירענעס און א גרויסן רעש קומען צו פארן אויסצולעשן דעם פייער.

די שאלה איז, דער מענטש דארף האבן אן אפעראציע, טא פארוואס פארשווענד מען די צייט? לאמיר מאכן די אפעראציעס.

דער ענטפער איז, צום ערשט דארף מען אויסלעשן דעם פייער, אז נישט וועט ער קיינמאל נישט דערלעבן אנצוקומען צום אפעראציע טישל. די ערשטע זאך דארף מען ראטעווען זיין לעבן פון די פייער. וואלט איינער געזאגט אז צום ערשט לאמיר מאכן די אפעראציע אויף דעם און אויף יענץ, און שפעטער וועט מען שוין אויסלעשן דעם פייער?!... עס ארבעט נישט אזוי.

דערפאר, די ערשטע זאך איז **אמונה אינעם אויבערשטן**, דאס איז אן **עמערדזשענסי**, דאס איז פייער! אויב מען פארגעסט פון השי"ת, מען פארגעסט פון "אנכי ד' אלקיך", דאן העלפט שוין גארנישט עפעס אנדערש. וואס העלפט דען אויב מען עסט כשר און מען גלייבט נישט אין השי"ת? אפילו ער זאגט נישט אז ער איז א כופר אבער ער איז. אויב ער גלייבט נישט אין "בראשית ברא אלקים", וואס איז בכלל דא צו גיין ווייטער? וועגן דעם איז בראשית אנהייב פון די תורה.

און וועגן דעם קומט ראש השנה ערשט, אונז צו ברענגען צו **תשובה אויף די יסודות**. די פונדאמענטן אויף וואס אלעס שטייט, און דערנאך זענען מיר גרייט צו רעדן וועגן די פרטים.

**פראגע**

## וויאזוי זאלן מיר זיך גרייטן צו די ימים נוראים?

## ענטפער:

"נחפשה דרכינו ונחקורה" – לאמיר נאכזוכן אונזערע וועגן און נאכפארשן. מיר זאגן עס יעדן מאנטאג און דאנערשטאג, אבער קיינער טוט עס נישט. לאמיר נאכזוכן אונזערע וועגן! האט איינער זיך אפגעשטעלט און אוועקגעגעבן אפאר מינוט צו טראכטן וועגן זיינע וועגן? מיר זעען מענטשן זאגן די ווערטער און טראכטן ניטאמאל דערוועגן. זיי זענען נישט ערנסט; זיי זענען


**ברכת מזל"א טבא**

קדם האי גברא יקירא, כתבא רבה, לשונו עט סופר מהיר, אשר פריו יתן בעט"ו מידי שבוע בשבוע לערוך גליון הלז בלו"נ חפיצה, לזכות את עם ישראל, ולהרים קרן התורה והיראה במדה גדושה, ה"ה

הר"ר **אייזיק ליפא מארקאוויטש** הי"ו

**לרגל הולדת בתו היקרה למז"ט**

**ויה"ר שירווה רב נחת דקדושה מכל יוצ"ח, ויזכה להמשיך בפעולותיו הטובות ואך טוב וחסד ירדפוהו כל הימים עבג"צ**

נישט אויפריכטיג. זיי ווייסן פשוט נישט וואס זיי זאגן. "נחפשה דרכינו" – לאמיר נאכזוכן אונזערע וועגן. עס איז זייער וויכטיג אוועקצוגעבן אפאר מינוט צו טראכטן וועגן זיך.

יעצט שטעלט זיך אבער די גרויסע פראגע, צי ווייסט איר וואס צו טראכטן? ער האט נישט די מינדעסטע אנונג וואס צו טראכטן! אויב מען לערנט נישט די **חכמת היראה**, די חכמה וויאזוי מען ווערט באוואוסטזיניג וועגן השי"ת, וועט איר קיינמאל נישט טרעפן גארנישט. איר וועט אנטדעקן אסאך שלעכטע זאכן וואס **אנדערע** מענטשן האבן געטון צו דיר, דאס יא, אבער וואס **דו האסט געטון** צו אנדערע וועסטו קיינמאל נישט זען.

און דערפאר, אפילו בעפאר מען קען מאכן חיפוש דרכים, איז וויכטיג צו לערנען די חכמה פון יראה. אז נישט וועט מען נישט מצליח זיין. עס איז אזוי ווי א מענטש זוכט עפעס. מען פרעגט אים "וואס זוכסטו?" ער ווייסט נישט. ער זוכט אבער ער ווייסט נישט וואס ער זוכט. וועגן דעם, נאך איידער מען הייבט אן צו זוכן דארף מען וויסן וואס צו זוכן. נאכדעם וועט מען שוין טרעפן אסאך זאכן וואס מען האט נישט געחלומ'ט אז מען האט, וועו מען וועט זוכן נאכדעם וועט מען שוין טרעפן אז מען האט עס.

דאס איז די סיבה פארוואס עס איז אזוי וויכטיג צו הערן און לערנען חכמת היראה. אסאך זאכן פאלט ניטאמאל ביי פאר מענטשן אז ס'איז א חטא. אזוי ווי מיר האבן גערעדט היינט נאכט; ווען מענטשן זענען לייכטזיניג וועגן זייער געזונט, זיי טראכטן בכלל נישט אז זיי זענען עובר אויף עפעס. ווען מענטשן ווערן באשולדיגט אויף וואס איז געשען צו זייערע קינדער, פאלט זיי נישט ביי אז עס איז זייער שולד. ווען די עלטערן האבן ערלויבט פאר זייער קינד צו גיין אויף די ראוד אין די קאנטרי, זענען זיי שולדיג אויף דיני נפשות. אפילו עס איז גארנישט געשען, מען דארף קוקן וואס עס וואלט ווען חלילה געקענט געשען. הלכות רוצח ושמירת הנפש זאגט אז מען איז אחריות אויף וואס עס וואלט געקענט געשען. במילא אויב מען האט עס קיינמאל נישט געלערנט, ווייסט מען ניטאמאל וואס מען איז אלץ מחויב.

אבער אפילו ווען עס האט חלילה יא פאסירט עפעס, טראכטן נישט די עלטערן אז עס איז זייער שולד. ער באשולדיגט הקב"ה. "אולת אדם תסלף דרכו" – די טיפשות פון א מענטש מאכט פארקרומט זיינע וועגן, "ועל ה' יזעף לבו" – און אין זיין הארץ איז ער ברוגז אויפ'ן אויבערשטן. אפילו ער איז נישט ברוגז, ער זאגט "באשעפער, איך ווייס האסט עס געטון מיר צו באשטראפן", דאס הייסט אויך ברוגז אויפ'ן אויבערשטן. דער אויבערשטער זאגט "פארוואס באשולדיגסטו מיר?! זאג נישט אז איך האב דיר באשטראפט; דו האסט עס אליינס געטון."

דערפאר, בלויז ווען מענטשן פארשטייען וואס עס מיינט צו זיין באוואוסטזיניג אינעם אויבערשטן, צו וויסן וואס עס מיינט באשעפער, דעמאלטס איז מען גרייט צו די ימים נוראים. (840)

## פראגע

## וויאזוי טוט מען תשובה אויף עבירות וואס מען ווייסט אז מען וועט נאכאמאל טון?

## ענטפער:

דאס איז א שאלה וואס ווערט אייביג געפרעגט. און דער ענטפער איז ווי פאלגענד: אויב א מענטש רייכערט 40 ציגערעטלעך יעדן שבת ר"ל, און ער באשליסט אז ער גייט נאר רייכערן 39, ער איז א גליקליכער מענטש. דאס הייסט "מקצת תשובה", אביסל פון תשובה, וואס איז די **גרינגסטע** זאך צו טון, און דערפאר איז עס אויך די **גרעסטע חיוב**. אויפצוהערן אלע 40 אויפאמאל איז נישט גרינג פאר אים, אבער אויפצוהערן די פערציגסטע, יא. און דערפאר, אויב מען קען אויפהערן אפילו אביסל פון די עבירה, איז מען עס מחויב צו טון, און ס'איז די גרעסטע חיוב; ווייל ס'איז די גרינגסטע.

יעדער בעל עבירה, אפילו ער איז א באשטעטיגטער חוטא, זאל מאכן א קבלה אז כאטש איין ביסל פון זיין עבירה וועט ער מער נישט טון. לאמיר זאגן אז ער טוט אן עבירה צען מאל א וואך, יעצט וועט ער עס בלויז טון 9 מאל א וואך. ער איז א גליקליכער מענטש. און אויב ער פארנאכלעסיגט דעם געלעגנהייט איז ער אין א גרויסע סכנה. דער אויבערשטער איז זייער ברוגז אויף אים. די צענטע מאל איז געווען די גרינגסטע פאר אים צו פארמיידן. און דעריבער קען יעדער איינער טון מקצת תשובה.

וועגן דעם זאגן מיר ביים דאווענען "השיבנו אבינו לתורתך" – ברענג אונז צוריק צו דיין תורה; דאס איז תשובה. מיר בעטן פאר תשובה. און דערנאך זאגן מיר "והחזירנו בתשובה שלימה לפניך" – מיר בעטן פאר **תשובה שלימה**. צום ערשט בעטן מיר פאר אביסל תשובה, יעדע סארט תשובה, אפילו ס'איז נישט בשלימות. און נאכן בעטן פאר א פינגער, בעטן מיר פאר א פולע האנט, אז מיר זאלן זוכה זיין צו א גאנצע תשובה.

די שאלות ותשובות זענען איבערגעזעצט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com

Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com


אין אלע ספרים געשעפטן!
דער ספר וואס וועט
דערלייכטן אייערע אויגן,
און דערפרישן אייער נשמה!
אידיש!
רבי אביגדור
ענטפערט
די אייגנארטיגע תשובות אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
רבי אביגדור ענטפערט
הונדערטער פראגעס און ענטפערס
אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
צוזאמגענומען אין איין באנד
פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל




ברילאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

## קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

## מערכת להתענג 845-662-2782

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8Ozcjl4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב